עס איז פארהאן א באקאנטע תשובה (או"ח תשובה קצז) וואס דער חתם סופר האט געשריבן צום ישמח משה, בנוגע די אלע מנהגים פון חסידים. דער חתם סופר שרייבט דארט: דער ענין פון 'חסידות' באלאנגט, אז דער 'בעל נפש' זאל מחדש זיין זיינע אייגענע מנהגים און הידורים, לויט ווי ער פארשטייט און לויט זיין מדרגה. אבער איינמאל עס ווערט אזא חיוב פון א 'קהלה', אז די דאזיגע קהלה זענען 'חסידים' און זיי פירן זיך מיטן 'מנהג' פון חסידים - איז דאך אויס 'חסידות'! עס ווערט צוריק ווי א מנהג וואס איז מחייב יעדן איינעם! נו, אויף דעם האבן מיר שוין א שולחן ערוך, וואס דארט שטייט שוין אלע מנהגים פאר כלל ישראל, און מען דארף נישט גרעסער מאכן דעם שולחן ערוך.

***חסיד'ישע מנהגים זענען אן אייגענע נדבה - נישט בתורת 'חובה'***

ביי חסידים האט מען טאקע געהאלטן, אז עס איז יא פארהאן אזא זאך ווי חסיד'ישע מנהגים וואס צדיקים האבן איינגעפירט (ווי מען וועט שפעטער מסביר זיין דעם ענין), אבער ביסודן של דברים איז זיכער, אז קיינער קריגט זיך נישט אויפן יסוד וואס דער חתם סופר האט אוועקגעשטעלט. ווייל דער עיקר ענין פון צולייגן מנהגים, חומרות און הידורים - איז דוקא ווען עס קומט נישט בתורת 'חיוב' - נאר בתורת 'נדבה'. **ער זאל נישט האבן קיין שום דרוק פון זייטיגע מענטשן, אז ער 'מוז' עס טון, נאר ער זאל עס טון ווייל ער אליינס 'וויל'** עס טון.

**לוקסוס איז נישט אפגעפרעגט - די שאלה איז נאר 'וואו'**

דער וויז'ניצער רבי דער ישועת משה זצ"ל האט אמאל געזאגט א דרשה שבת נאכמיטאג אין בארא פארק - ער איז נאך דעמאלט נישט געווען רבי - נאר רב אין שיכון וויזניץ. האט ער אזוי געזאגט צו די בארא פארק'ער אידן: "איך בין נישט קעגן 'מותרות'! **פארקערט, איך האב ליב מותרות, און איך אליינס לעב אין מותרות! למשל, פרייטאג נאכמיטאג פארגין איך זיך צו לערנען אן איבריג שטיקל 'מאור עינים'**, דאס איז ביי מיר 'מותרות'! איך האב נאר פיינט די אמעריקאנער מותרות, אבער דער מושג פון מותרות איז נישט אפגעפרעגט ביי מיר!". דאס איז א טיף ווארט און אן 'אמת גמור'.

**די טבע פון א מענטש איז: ער זוכט 'הוספות' און תענוגים**

מען קען נישט זאגן פאר א בחור: "זוך נישט קיין תענוגים", ווייל עס איז קעגן די יצירה פון א מענטש. יעדער מענטש איז באשאפן געווארן מיט א תכונה צו זוכן תענוגים! יעדער מענטש זוכט 'חיות', ער זוכט צו מוסיף זיין א טעם אין לעבן, ער זוכט צו שטייגן ווייטער און ווייטער. חסידות זאגט אבער פארן בחור: "זוך נישט קיין לעכערליכע תענוגים! דו קענסט דאך לעבן אין אידישקייט! געב זיך נאך א תענוג, און מאך זיך א שטארקן שיעור קבוע אין חסידות! **מאך זיך א נייער מנהג, אז יעדן פרייטאג נאכמיטאג זיצטו א שעה צייט און דו שווימסט אין מאור עינים! דאס איז דיין ספר פון פרייטאג נאכמיטאג!** דו וועסט עס דורכלערנען פון דעקל צו דעקל, איינמאל און נאכאמאל, ביז עס וועט אריין גיין אין דיינע ביינער אריין און עס וועט ווערן א חלק פון דיין עצמיות! און ווען איינער וועט דיר פרעגן פשט אין דעם שיעור, וועסטו אים ענטפערן: "עס איז א 'מנהג'!". און ווען ער וועט פרעגן: "וואו ווערט אראפגעברענגט אזא מנהג?", וועסטו אים ענטפערן: "עס שטייט נישט אין ערגעץ! עס איז 'מיין מנהג'! דאס האב איך זיך אליינס פארגינען! אנדערע בחורים האבן א מנהג, אז ווען עס שמעקט אים נישט אזוי דער פרישטאג וואס מען גיבט אין ישיבה - איז ער 'מהדר' צו גיין אין דעם בעסטן בעקערי, און קויפן דארט א פיינעם דעניש... נו, איך האב א מנהג צו מהדר זיין אין אנדערע זאכן!".

**א תענוג פון האבן א שיינע לבנה ביי קידוש לבנה**

רבי איציקל פון פשעווארסק זצ"ל פלעגט האבן א מנהג צו מהדר זיין, צו מאכן 'קידוש לבנה' אויף א שיינע לעכטיגע לבנה. און טאמער איז נישט געווען קיין שיינע לבנה - פלעגט ער אריינלייגן אסאך געלט אין רבי מאיר בעל הנס פושקע, מיט א תפלה אז עס זאל זיין א שיינע לבנה. אמאל איז ער געשטאנען אינדרויסן און געווארט אויף א שיינע לבנה; ווי ער האט ליב געהאט. רופט זיך אָן דארט א איד צו רבי איציקל: "רבי, עס איז דאך שוין דא א לבנה! וואס איז שלעכט?". האט אים רבי איציקל געגעבן א זאג: "דו האסט ליב שיינע מעבעל? איך האב ליב א שיינע לבנה!". דאס הייסט, אז פונקט ווי אנדערע נעמען זייער חיות אין לעבן פון שיינע מעבל - האט ער גענומען חיות פון מאכן 'קידוש לבנה' - אויף א שיינע לעכטיגע לבנה.

**וויבאלד ער האט אזוי ליב די מצוה - וויל ער עס מער אויסברייטערן**

דער עיקר טעם אויף די אלע חסיד'ישע מנהגים 'באופן כללי' - נאך איידער מען וועט ארייגיין אינעם טעם פון יעדן מנהג בפרטיות - הייבט זיך עס אָן פונעם יסוד וואס מען האט אסאך איינגעפרעגלט ביי חסידים, אז תורה און מצוות איז א 'זכיה' און נישט קיין 'חיוב' (ווי גערעדט אין גליון קע באריכות), וואס דערפאר זענען ערליכע אידן געווען רגיל צו צולייגן זייערע אייגענע הוספות און הידורים אין עבודת ה', כדי ארויסצוגעבן דערמיט זייער 'שמחת הנפש' - וואס זיי האבן זיך געשפירט איבערגליקליך

### נקודות:

דער עיקר ענין פון צולייגן מנהגים, חומרות און הידורים – איז דוקא ווען עס קומט נישט בתורת 'חיוב' – נאר בתורת 'נדבה'. ער זאל נישט האבן קיין שום דרוק פון זייטיגע מענטשן, אז ער 'מוז' עס טון, נאר ער זאל עס טון ווייל ער אליינס 'וויל' עס טון

**נקודות:**

חסידות זאגט אבער פארן בחור: "זוך נישט קיין לעכערליכע תענוגים! דו קענסט דאך לעבן אין אידישקייט! געב זיך נאך א תענוג אין עבודת ה'!
און אויב איינער וועט דיר פרעגן פשט אין דעם, וועסטו אים ענטפערן: "עס שטייט נישט אין ערגעץ! עס איז 'מיין מנהג'! דאס האב איך זיך אליינס פארגינען!
אנדערע בחורים האבן א מנהג, אז ווען עס שמעקט אים נישט אזוי דער פרישטאג וואס מען גיבט אין ישיבה – איז ער 'מהדר' צו גיין אין דעם בעסטן בעקעריי, און קויפן דארט א פיינעם דעניש...
נו, איך האב א מנהג צו מהדר זיין אין אנדערע זאכן...

מיט אידישקייט! דורך די חסיד'ישע מנהגים - האט זיך אויסגעדרוקט די שמחה און חיות וואס דער חסיד שפירט אין אידישקייט! ווייל ווען איינער לעבט אריין אין א געוויסע זאך - קען ער זיך נישט געזעגענען דערפון, נאר ער וויל טון נאך און נאך. צום ביישפיל: **ווען איינער שפירט א ליכטיגקייט אין שבת קודש - קען ער נישט דאווענען מעריב ממש ביים זמן, נאר ער וויל מוסיף זיין נאך און נאך 'מחול על הקודש', ער וויל נאך אביסל אריינציען קדושת שבת.** און אזוי מיט יעדע מצוה וואס א מענטש ווערט באלאכטן דערמיט - לייגט ער צו הוספות און הידורים דערצו, כדי צו מאכן גרעסער די מצוה.

ב.

# כרצון איש ואיש: יעדער מענטש דארף זיך מאכן אייגענע מנהגים לויט זיין נפש

**יעדער מנהג האט א פרטיות'דיגן טעם**

אויסער דעם כלליות'דיגן טעם אויף די חסיד'ישע מנהגים - וואס דערמיט דרוקט זיך אויס דעם כלליות'דיגן 'חיות' און 'שמחה' אין אידישקייט - איז אויך פארהאן פרטיות'דיגע טעמים אויף יעדן חסיד'ישן מנהג באזונדער - וואס דערמיט האט מען אויסגעדרוקט געוויסע פרטיות'דיגע ענינים.

**בלשון רבו: א חסיד האט זיך געפירט ווי זיין רבי'ן**

מען וועט קודם אויסשמועסן דעם טעם, פון דאס וואס חסידים פלעגן נאכמאכן דעם רבי'נס מנהגים, ביז עס איז שוין געווארן ווי א חלק פון יעדע חסידות, אז דא פירט מען זיך אזוי און אינעם אנדערן חסידות פירט מען זיך אזוי. אודאי איז דאס נישט דער עיקר חסידות, און מען קען זיין אן אמת'ער חסיד - אפילו אויב מען פירט זיך אנדערש ווי דער רבי, אבער אזוי איז געווען איינגעפירט, אז חסידים גייען אינעם דרך פונעם רבי'ן. כדי צו פארשטיין דעם ענין פון זיך פירן ווי דער רבי - מוז מען נאכאמאל איבער'חזר'ן אין קורצן דעם ענין פון 'התקשרות לצדיק'.

**א צדיק אמת איז אן עכטער 'איד'**

אין פסוק שטייט (ישעיה ס, כא): "וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים" - יעדער איד דארף זיין א צדיק אמת. **ווייל די ריכטיגע צורה וויאזוי א איד דארף אויסצוזען, איז ווי די צורה פון א צדיק אמת, וואס ביי יעדע תנועה וואס ער מאכט - האט ער אינזין צו ממלא זיין דעם רצון ה' און טון א נחת רוח פארן אויבערשטן!** יעדע זאך וואס ער טוט - איז בלויז מיטן רבונו של עולם! נישט נאר זיין לערנען און דאווענען, נאר אויך זיין עסן און זיין שלאפן, זיין רעדן און זיין צוהערן - איז אלעס אָן קיין שום היסח הדעת פונעם 'שויתי ה' לנגדי תמיד'! און א צדיק וועלכער איז אויף נאך א העכערע מדרגה, איז מכוון די ריכטיגע 'כוונות' וואס מען דארף אינזין האבן ביי יעדע זאך, ער לעבט מיט א דבקות פון 'יחודים' און 'שמות', און ער איז ממש 'מייחד יחודים' ביי יעדע זאך וואס ער טוט און ביי יעדן דיבור וואס ער רעדט.

**דורך 'התקשרות' צום צדיק - ווערט מען ווי א חלק פון אים**

די גמרא זאגט (סוכה מה:): "ראיתי בני עלייה והן מועטין" - צדיקי אמת זענען ממש 'יחידים', און רוב וועלט זענען נישט זוכה צו זיין אין דער מדרגה פון א צדיק - וואס דאס איז די עכטע צורה וויאזוי א איד דארף אויסצוזען. דעריבער האט מען געוואוסט ביי חסידים, אז מען קען האבן א געוויסן נאנטן קשר צו א צדיק אמת - וואס דעמאלט ווערט עס גערעכנט ווי גלייך ער איז א 'חלק' פונעם צדיק אמת. ווייל בעצם איז גאנץ כלל ישראל איין 'כלל', און **דער צדיק דינט דעם רבונו של עולם 'בשם כל ישראל' - ער טוט עס נישט אלס א מענטש פאר זיך, נאר ער קומט אין נאמען פון גאנץ כלל ישראל! ער פארטרעט יעדן איד אין כלל ישראל! און ווי נענטער מען איז מקושר צום צדיק - אלץ מער שייכות האט מען צו זיין עבודה** וואס ער טוט. ווייל כאטש ער טוט עס אין נאמען פון גאנץ כלל ישראל - דאך איז פארהאן פארשידענע מדרגות וויאזוי מען איז מקבל די קדושה פונעם צדיק; ווי דער תניא שרייבט (פ"ג), אז די וועלכע זענען מער מקושר צום צדיק, זענען מקבל די ערשטע און עס גייט 'דרך הפנים', און די וועלכע זענען נישט אזוי מקושר, זענען מקבל שפעטער און עס גייט 'דרך אחוריים'.

**והלכת בדרכיו: זיך מדמה זיין צום צדיק'ס מנהגים**

איינע פון די וועגן פון 'התקשרות לצדיקים' איז, דורכן טון די מנהגים פונעם צדיק. אודאי זענען פארהאן נאך פארשידענע אופנים וויאזוי מען קען זיין מקושר צו צדיקים; ווי דורך לערנען זייערע תורות, זיך אפלערנען פון זייערע דרכים, האבן 'אמונת צדיקים' וכדומה. אבער עס איז אויך דא א מקום פאר אזא סארט 'התקשרות' - דורכן זיך פירן ווי דער רבי פירט זיך. ווייל **יעדער צדיק האט זיך געהאט זיינע אייגענע מנהגים וואס ער האט מהדר און מוסיף געווען אין עבודת ה' - לויט זיין שורש נשמה און לויט זיינע העכערע ענינים.** דעריבער, דורכדעם וואס מען פירט זיך מיט די מנהגים פונעם רבי'ן, באקומט מען א נענטערן שייכות מיט זיינע 'עבודות', וואס דורכדעם איז זיך די קדושה פונעם צדיק מער מתפשט אויף אים, און ער ווערט מער דערהויבן און באלאכטן דורכן צדיק'ס עבודת ה'.

**דער צדיק האט ארויסגעזאגט אז דער זופ איז גוט...**

מיין זיידע איז געווען א פארצייטישער חסיד'ישער איד, און ער איז געווען אסאך ביים אמשינוב'ער רבי'ן רבי שמעון'לע זצ"ל. האט ער פארציילט, אז מען האט אמאל געטיילט דארטן פארן עולם עפעס א געוויסער סארט זופ, און רבי שמעון'לע איז דאך געווען זייער גרויס אין 'אהבת ישראל', האט ער געזאגט פארן עולם: "עסט אידן, עסט אידן, עס איז גוט!". זינט דעמאלט פלעגט מיין זיידע בעטן אז מען זאל מאכן דוקא דער סארט זופ, ווייל ער האט געהערט פון א צדיק אז דער זופ איז גוט... דאס איז א דוגמא פון א מנהג פון א חסיד'ישער איד, וועלכע איז געבויעט אויף א פשוט'ע 'התקשרות לצדיקים'. ער האט געהאט א שטיקל הרגש וואס דאס מיינט א צדיק, און אויב איז יצא מפי הצדיק אז דער זופ איז גוט - איז דאס שוין גענוג מחייב דאס מחשיב צו זיין.

**יעדער איד האט א 'נקודת צדיק' וועלכער וויל מוסיף זיין**

וויבאלד מען האט מסביר געווען, אז די גרויסקייט פונעם צדיק איז בלויז זיין 'קדושת ישראל' - וואס ער האט שטארק אויסגעארבעט און ארויסגעברענגט 'מכח אל הפועל', דערפאר איז קלאר, אז **יעדער ערליכער איד האט אויך עפעס א 'נקודה' פון 'קדושת צדיק' - וואס ער האט ארויסגעברענגט מכח אל הפועל - לויט זיין דרגא.** און פונקט ווי דער צדיק האט אויף א גרויסן אופן זיין הרגש - וואס ער שפירט לפי שורש נפשו - אז ער וויל צולייגן נייע הוספות און מנהגים, אזוי האט אויך יעדער איד - בפרט אויב ער איז מקושר צו א צדיק - זיין הרגש אויף א קלענערן אופן, וואס ער שפירט א רצון צו געוויסע פרטים - וואו ער וויל זיך אויסברייטערן און צולייגן אייגענע הוספות.

**נאכן לערנען איבער א מצוה - קען זיך אנטוויקלען א ספעציעלע געפיל דערצו**

געווענליך זענען רוב מענטשן נישט אויף דער דרגא פון שפירן א געפיל צו א מצוה - פון זיך אליינס. נאר עס קומט ערשט נאכן וויסן אביסל דעם תוכן און משמעות פון דער מצוה. ווען א איד לערנט ספרים וואס זענען מסביר די הלכות פון דער מצוה, די ענינים פון דער מצוה, און פארשידענע זאכן ארום די מצוה, ביז **ער האט אביסל ארויס די כוונה העליונה - וואס דער רבונו של עולם וויל האבן מיט דער מצוה, וועלכער סארט ענין דארף זיך אפטון ביי דער מצוה וכדומה - קען ער דעמאלט אנהייבן שפירן א געפיל צו געוויסע מצוות - מער ווי צו אנדערע מצוות!** ער שפירט אז דער געוויסער פרט אין עבודת ה' רעדט צו אים זייער שטארק, עס שיינט אים און באלייכט אים! און דעמאלט ערוועקט זיך אין אים א רצון צו מוסיף זיין אייגענע הידורים און מנהגים דערין.

**דער בעל נפש זוכט ארויסצוגעבן זיין ספעציעלן הרגש דורך אן אייגענעם מנהג**

דער מסילת ישרים דא אין פרק יט, רעדט ארום א גאנצן שמועס איבער דעם ענין פון מנהגים 'לפנים משורת הדין', און ער ברענגט צו דערויף פארשידענע מנהגים וואס די אמוראים האבן זיך נוהג געווען. למשל, רבי אלעזר בן שמוע האט געזאגט (מגילה כז:): "מימי לא עשיתי קפנדריא לבית הכנסת" - איך האב קיינמאל נישט גענוצט דעם בית הכנסת אלס דורכגאנג. דאס איז געווען זיין אייגענער מנהג וואס ער האט אליינס מחדש געווען. ווייל ער האט געפילט ביי זיך א ספעציעלן הרגש צו 'קדושת בית הכנסת', דעריבער האט ער אליינס צוגעלייגט א חומרא בתכלית הזהירות, קיינמאל נישט צו מאכן דעם בית הכנסת פאר א דורכגאנג, ווייל עס איז נישט אזא כבוד פארן בית הכנסת. דאס איז בלויז א דוגמא פאר **'בעלי נפש' וועלכע האבן אן אייגענעם הרגש אין אידישקייט און זיי ווילן אויסדרוקן אט דעם הרגש - זאלן זיי זיך מרגיל זיין מיט אייגענע מנהגים, וועלכע וועט זיי מאכן נאך ליכטיגער דערין און וועט זיי ארויפטראגן ממדרגה למדרגה.** אזוי אויך איז אמאל פארהאן, אז דער 'בעל נפש' שפירט פונדערווייטנס, אז אין דעם פרט פון עבודת ה' - ליגט א געוואלדיגן אור פאר זיין נפש, אבער עס שטייט ווייט פון אים און ער קען עס נישט דערטאפן. דעריבער נעמט ער אויף זיך אייגענע הוספות דערין, כדי אז דורך די מעשים זאל זיך אויפוועקן ביי אים דער הרגש דערצו.

**נישט אלע מנהגים רעדן צו אים - נאר בלויז דאס וואס האט שייכות מיט זיין שורש נשמה**

אמאל קען אויך זיין, אז א מענטש זעט ביי

איינעם א געוויסן מנהג, אדער ער זעט עס אין א ספר, און עס געפעלט אים, און ער נעמט עס אָן. כאטש וואס **בעצם דארף מען נישט אננעמען יעדן מנהג וואס מען זעט אין א ספר - דאך שפירט דער מענטש, אז דער מנהג רעדט צו אים! עס געפעלט אים דער מנהג! עס איז א שיינער מנהג!** דאס ווייזט, אז דער מנהג איז צוגעפאסט צו זיין טעם און צו זיין חיות, און דערפאר איז עס טאקע זייער חשוב, אז ער זאל אנהאלטן דעם מנהג און עס מקיים זיין מיט א חיות.

**געוויסע סארט מנהגים זענען הוספות אין 'מדות טובות'**

עס זענען אויך פארהאן געוויסע מנהגים וועלכע זענען נישט קיין 'חומרא' אדער 'הידור' אין א געוויסע 'מצוה', נאר עס איז א הוספה צו א געוויסע 'מדה טובה'; געוויסע מנהגים ברענגען ארויס די מדה פון 'השתפכות הנפש' צום אויבערשטן און געוויסע מנהגים ברענגען ארויס די מדה פון 'חסד', געוויסע מנהגים ברענגען ארויס די מדה פון 'שמחה' און געוויסע מנהגים ברענגען ארויס די מדה פון 'אהבת ה'', געוויסע מנהגים ברענגען ארויס די מדה פון 'קדושה' און געוויסע מנהגים ברענגען ארויס די מדה פון 'הבדלה בין ישראל לעמים'. מען וועט אנכאפן עטליכע דוגמאות פון די סארט מנהגים - וועלכע זענען געבויעט אויף מדות טובות.

**א מנהג פון טיילן קאווע פאר אידן...**

א מענטש מיט א גוט הארץ, מאכט זיך א מנהג פון גמילות חסד: אידן קומען אין בית המדרש און זיי לערנען פארן דאווענען, מאכט ער זיך א מנהג פון פריינטליכקייט אין אהבת התורה, און ער גייט צו צו יעדן איד, און ער פרעגט אים מיט א שמייכל: "אפשר קען איך דיר מכבד זיין און ברענגען א קאווע?". און אזוי גייט ער ארום און טיילט קאווע פאר לומדי תורה. דאס איז א דוגמא פון א שיינער מנהג פון חסד, וואס דער 'איש טוב' איז עס אליין מחדש.

**א מנהג נישט צו דורכלאזן א טאג אָן טון א חסד פאר א איד**

א צווייטער איש חסד מאכט זיך א מנהג: "איך בין מקבל אויף מיר בלי נדר, אז יעדן טאג מוז איך טון א חסד מיט א איד! נישט קיין חילוק צי א גרויסע טובה אדער א קליינע טובה - אבער עפעס א טובה מוז איך טון פאר א איד! עס וועט נישט דורכגיין קיין טאג - וואס איך וועל נישט טון קיין טובה פאר א איד! אָן דעם איז דער 'טאג' נישט קיין 'טאג'!".

**א מנהג זיך אויסצוגיסן דאס הארץ פארן רבוש"ע מיט פארשידענע תפלות**

א מענטש וועלכער האט א געשמאק אין 'עבודת התפלה', מאכט זיך א מנהג צו זאגן יעדן אינדערפרי נאך ברכת התורה א פּאָר געשמאקע תפילות צום אויבערשטן; ער זאגט די קורצע תפילה פונעם אר"י הק': "קל אלקי הרוחות". ער זאגט 'קל מסתתר' - וועלכע האט אין זיך אלע 'עשר ספירות'. ער זאגט די תפלה פונעם 'אור לשמים'. ער זאגט א פּאָר קאפיטלעך תהלים. ער רעדט זיך אויס צום אויבערשטן יעדן טאג אויף אידיש פּאַר פינף מינוט, און ער זאגט: "רבונו של עולם, איך בעט דיר אז איך זאל מצליח זיין אין דעם היינטיגן טאג! איך זאל האבן א חשק צום לערנען און איך זאל פארשטיין דאס לערנען! דאס דאווענען זאל מיר גיין גוט! העלף מיר, אז איך זאל זיך קענען היטן דעם דיבור! איך זאל נישט האבן קיין מניעות! איך זאל חס ושלום נישט זינדיגן!". אזוי בעט ער זיך ווי א קליין קינד צום רבונו של עולם פאר פינף מינוט א טאג, וכדומה. דאס איז א דוגמא פון א ליכטיגער מנהג פון 'השתפכות הנפש'. דאס זענען בלויז דוגמאות, ותן לחכם ויחכם עוד.

**מנהגים ברענגט אז אידישקייט זאל זיין לעבעדיג און פריש**

איינמאל א מענטש האט זיינע מנהגים - וועט ער שטייגן און שטייגן. זיינע מעשים וועלן מעורר זיין די כוונה, און זיין כוונה וועט מעורר זיין די מעשים. און **זיין גאנצע אידישקייט וועט באקומען אן אנדערע צורה, עס וועט זיין א ליכטיגע אידישקייט פול מיט חיות, און עס וועט אים מאכן פאר אזא איינער וועלכער איז 'כל כולו' אריינגעטון אין עבודת ה'.**

ג.

**נקודות:**

דער 'לב טוב' האט זיך געמאכט א מנהג: "איך בין מקבל אויף מיר בלי נדר, אז יעדן טאג מוז איך טון א חסד מיט א איד! נישט קיין חילוק צי א גרויסע טובה אדער א קליינע טובה – אבער עפעס א טובה מוז איך טון פאר א איד! עס וועט נישט דורכגיין קיין טאג – וואס איך וועל נישט טון קיין טובה פאר א איד! אן דעם איז דער 'טאג' נישט קיין 'טאג'

~

איינמאל א מענטש האט זיינע מנהגים – וועט ער שטייגן און שטייגן. זיינע מעשים וועלן מעורר זיין די כוונה, און זיין כוונה וועט מעורר זיין די מעשים. און זיין גאנצע אידישקייט וועט באקומען אן אנדערע צורה, עס וועט זיין א ליכטיגע אידישקייט פול מיט חיות

# בסתר המדרגה: ביי חסידים איז די נסתר'דיגע וועלט א לעבעדיגע 'מציאות'

**דער חילוק צווישן די חסיד'ישע מנהגים ביז צו די מוסר'דיגע מנהגים**

עס איז פארהאן פארשידענע מנהגים ביי חסידים, וועלכע זענען נישט געבויעט אויף קיין נגלה'דיגע מושגים, נאר אויף נסתר'דיגע מושגים; ווי למשל: גיין אין מקוה פארן דאווענען - צו באקומען א 'תוספת טהרה'. דאווענען 'נוסח ספרד' - ווייל דאס שטימט מיט די כוונת האר"י, וכדומה. **די וואס האבן נישט קיין שייכות מיט פנימיות התורה וואלט קיינמאל נישט צוגעלייגט הוספות אין אזעלכע סארט נושאים וואס ער פארשטייט נישט מיטן שכל**, גענוג אז ער דארף גלייבן דערין, אבער נאך מוסיף זיין דערצו? דאס קומט שוין בכלל נישט אין באטראכט. **אבער א חסיד'ישער איד קען האבן א ספעציעלן חיות פון אזעלכע סארט מנהגים.** און די סיבה דערצו איז, ווייל א חסיד לעבט בכלל א פנימיות'דיגער סארט לעבן; ווי מען וועט אביסל מסביר זיין.

**חסידות גיבט נייע אויגן גלעזער: די וועלט איז א שטיק געטליכקייט!**

ווי נאר א מענטש טרעט איבער דעם שוועל פון חסידות - הייבט ער אָן צו דערהערן א נייער מושג: אז כאטש וואס דער וועלט זעט אויס ווי 'גשמיות', 'הסתר' און 'חושך' - איז עס נישט אמת! אנצוקוקן וועלט מיט אזא בליק - איז דער גרעסטער טעות און נארישקייט. ווייל **אינ'אמת'ן איז די וועלט פול מיט מורא'דיגע 'אורות'! די וועלט איז א שטיק געטליכקייט! עס איז טאקע פארהאן א גשמיות'דיגע 'כיסוי', 'הסתר' און 'חושך' - וועלכע פארשטעלט און לאזט נישט זען די ליכטיגקייט, אבער א חסיד ווייסט, אז 'לית אתר פנוי מיניה'**, און אונטער דעם הסתר געפונען זיך מורא'דיגע 'אורות עליונים'. און דערפאר האט אונז דער רבונו של עולם געגעבן א גאנצן 'מהלך החיים' פון תורה ומצוות, וואס דורכדעם זאלן מיר דורכברעכן דעם חושך - פון אנקוקן די וועלט מיט א גשמיות'דיג אויג - און באקומען שייכות צו די געטליכע אורות וואס געפונען זיך אין דער וועלט! מיר זאלן זיך דערהייבן צו אזא סארט לעבן וואס האט א קשר צום 'אור אלוקות', צו רוחניות און דערהויבנקייט.

**די שוועריקייט פון געוויסע הלכות - ווילאנג מען ווייסט נישט פון פנימיות**

מען וועט אנכאפן א דוגמא: יעדער איינער לערנט די הלכה אין שולחן ערוך (או"ח סי' רעא), אז בשעת ווען מען נעמט דעם 'כוס קידוש' אין דער האנט, דארף מען צודעקן די חלות: "כדי שלא יראה הפת בשתו" - דער פת זאל נישט ווערן פארשעמט, אז מען נעמט די וויין קודם פאר קידוש. יעדער קען די הלכה פון קליינוויז אָן, און מען איז צוגעוואוינט צו דעם. אבער בעצם הערט זיך עס זייער מאדנע. טאמער וואלטן מיר עס געהערט די ערשטע מאל, ווען מיר זענען שוין בעלי דעת - וואלטן מיר געפרעגט: "וואס מיינט 'פארשעמען' א ברויט?! ער האט דען א הארץ מיט געפילן?! און וואס געשעט ווען איך לייג אים אונטערן חלה דעקל?! ער הערט נישט ווי איך מאך קידוש אויף די וויין?!".

**וויאזוי א חסיד'ישער איד קוקט אויף 'ברויט' און 'וויין'**

**אזא קושיא צווינגט דעם מענטש צו אנהייבן לעבן מיט עפעס העכערס. ער מוז מודה זיין אז די וועלט האט צו זיך עפעס א סוד - וואס נאר דער סוד קען מסביר זיין דעם פשט אין דער הלכה.** 'פת' איז נישט סתם ברויט, נאר עס איז פארהאן א געוויסער געטליכער 'אור' וועלכע רופט זיך 'פת', און א הארה דערפון איז מלובש אין דער גשמיות'דיגער ברויט. (לדוגמא: דער אור באשטייט פון דריי מאל שם הוי"ה - בגימטריא לח"ם. און פון מזל"א - בגימטריא לח"ם). 'יין' איז נישט סתם וויין, נאר עס איז פארהאן א געטליכער אור וועלכער רופט זיך 'יין', און א הארה דערפון איז מלובש אין דער גשמיות'דיגער וויין (לדוגמא: דער אור באשטייט פון צוויי מאל שם י"ה במילוי יודי"ן - בגימטריא יי"ן). 'שולחן' איז נישט סתם א טיש, נאר עס איז פארהאן א געטליכער אור וועלכע רופט זיך 'שולחן', און א הארה דערפון איז מלובש אין דער גשמיות'דיגער טיש (לדוגמא: דער אור רופט זיך 'יסוד ומלכות', צוויי מאל צד"ק - בגימטריא שלח"ן). דעריבער זאגט די הלכה: טאמער איך נעם אין דער האנט 'יין', און דעם 'לחם' לאז איך אויפן טיש - ווייז איך ארויס, אז איך וויל ענדערש טון די עבודה פון 'יין' ווי די עבודה פון 'פת', און דאס איז דאך א זלזול פאר דער עבודה פון 'פת'. דאס הייסט, אויב דער 'לחם' איז אויפגעדעקט פאר דיר, מיינט דאס אז דו ביסט יעצט אין יענעם עולם פון 'לחם', נו, אויב דו לאזט עס אין דער זייט און דו נעמסט 'יין', האסטו נישט מחשיב געוועזן דעם אור פון לחם, און אויב דו ביסט נישט מחשיב א געוויסער אור - איז דאס א פגם אין דעם אור. דעריבער מוז מען פארדעקן דעם לחם, צו זאגן: "יעצט בין איך בכלל נישט עוסק אין דער עבודה! איך בין בכלל נישט אין דעם עולם פון 'לחם' - נאר אינעם עולם פון 'יין'!".

**א חסיד'יש לעבן איז אן אנדער סארט 'חיים'**

אן עובד ה' על פי חסידות באקומט א 'הכרה גמורה' - סיי אין שכל און סיי אין נפש - אז דאס לעבן פון א מענטש טייטשט זיך אפ אינגאנצן אנדערש ווי דער 'עולם החיצוני' טייטשט עס

המשך בעמוד הבא >>>

# דרכי הצדיקים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

## הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע – יו"ד כ"א אדר

• פעם אחת כאשר נסע הרה"ק מלובלין זי"ע אל רבו הרה"ק הרבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, ראה בדרכו איזה אדם שהיה נראה לו צדיק גדול, כי ראה את תפלתו המרוממת, והביט עליו איך הוא עורך תיקון חצות בבכיות נוראות על גלות השכינה, וכך גם כל התנהגותו מצאה מאד חן בעיני הרבי מלובלין. ניגש אל היהודי ושאל אותו 'מי הוא רבכם? תלמידו של מי אתם'? ענה לו היהודי כי אין לו רבי כלל. אמר לו הרבי מלובלין 'אם על אף שאינך נוסע לרבי אתה נראה כך, מי יודע מה יהיה נעשה ממך אם תיסע עמי אל הרה"ק הרר"א', וכך הוסיף ודיבר על לבו, עד שהסכים עמו ונסע יחדיו לעיר ליזענסק. ויהי בהגיעם נכנסו אל הרר"א, אבל מיד הסתובב הרר"א והפנה את ראשו מהם, ולא אמר להם שלום, כמו מי שהוא ברוגז, והתביישו מאד. אמר הרבי מלובלין לאותו יהודי: 'איך האב מיך מן הסתם עפעס פארזינדיגט, דער רבי וויל מיך נישט אנקוקן, און ממילא שוין אייך אויך, ער האט זיכער אייך נישט געמיינט' (אני כנראה נכשלתי באיזה חטא, ולכן אין הרבי רוצה להביט עלי, ולכן גם עליכם, כי אותכם הוא בודאי לא התכווין). ואמר: 'איך וועל מיך צוגרייטן אפאר טעג און תשובה טון, און דערנאך וועל איך אריין גיין צום רבי'ן' (אכין את עצמי כמה ימים בתשובה, ואז אכנס אל הרבי). וכך עשה, שחזר בתשובה גדולה ונכנס אל הרר"א.

והנה מיד שנכנס קיבלו הרר"א באהבה וחיבה, ואמר לו 'אַה! יעקב יצחק'ל'! ושמח עמו מאד. התפלא הרבי מלובלין ואמר: 'איך בין היינט נישט אזוי גוט, אז איך זאל האבן געוועהן אפאר טעג צוריק אזוי שלעכט' (אינני היום כל כך טוב, שאיחשב לפני כמה ימים כ"כ גרוע - שאין השינוי גדול כ"כ בין מדרגתי דאז למדרגתי של היום), כי אע"פ שהוא מבין מה שהרבי קיבלו, אבל מה היא אהבה גדולה זו. ענה לו הרר"א: 'דו מיינסט אז איך האב דיך געמיינט?! חס ושלום! איך האב געמיינט יענער'! (אתה חושב שעליך התכוונתי?! ח"ו! התכוונתי לאותו היהודי!). תמה הרבי מלובלין, ואמר: 'אבער יענער איז דאך אזא צדיק! איך האב אים דאך געברענגט דא' (אבל הרי הוא כ"כ צדיק! הרי אני הבאתיו לכאן). ענה לו הרר"א ואמר לו: 'ישנם ארבעה מדרגות, יש מי שאינו טוב וחושב שהוא טוב, יש מי שהוא טוב וחושב שאינו טוב, יש מי שאינו טוב ויודע שאינו טוב, ויש מי שהוא טוב ויודע שהוא טוב'. והמשיך ואמר: 'מי שאינו טוב והוא טועה לחשוב שהוא טוב, הרי הוא חי עם טעות, שהרי באמת אינו טוב, 'נו, אויף א טעות וועט ער זיך נאך אמאל כאפן' (הרי על טעות עומדים בסוף), 'וכאשר יעמוד על טעותו יעשה תשובה'. והמשיך עוד על מי שהוא טוב וחושב שאינו טוב, 'נו, אזוי דארף דאך א איד זיין' (הרי כך צריך יהודי להיות). ואף על מי שאינו טוב ויודע שאינו טוב אמר 'נו, אז ער ווייסט דאך אז ער איז נישט גוט, וועט ער דאך תשובה טון' (הרי אם הוא יודע שאינו טוב, א"כ הרי יעשה תשובה). ואז אמר: 'איינער וואס איז גוט און ער ווייסט אז ער איז גוט, ער וועט קיינמאל קיין תיקון נישט האבן' (מי שהוא טוב והוא יודע שהוא טוב, לא יהיה לו תיקון לעולם) ובזה סיים את דבריו. הלך הרבי מלובלין והתנצל בפני אותו יהודי, ואמר לו: 'וואס זאל איך טון, אזוי האט דער רבי געזאגט' (מה אעשה, אבל כך אמר הרבי), ואמר לו את כל הפתגם [ואמר כ"ק רבינו זי"ע כי בזמנינו אם היו אומרים כך למאן דהו היה בורח ומסתלק מרבי כזה, אבל הוא היה יהודי ירא שמים]. מיד חרד אותו יהודי ונכנס אל הרר"א בבכיות גדולות וביקש אותו כי לא ידחה אותו, וטען כי 'אין לך דבר שעומד בפני התשובה', ואין הוא רוצה לשמוע שום דבר אלא הוא רוצה לעשות תשובה. אבל אחר כל הדברים לא רצה הרר"א להסתכל עליו כלל, עד שבכה ובכה הרבה מאד וכל הזמן טען כי הוא רוצה לחזור בתשובה. כאשר ראה הרר"א שהוא מתכווין ברצינות (ערנסט), אמר לו: דא קומען אסאך מאל חוטאים, גרויסע חוטאים מיט חטאים חמורים, איך קען מיך א עצה געבן מיט יעדן איינעם, איך גיב זיי א תשובה. אבער מיט אזא פערשוין ווי דו ביסט... קען איך מיך נישט אליין קיין עצה געבן. מען וועט ווארטן ביז ס'וועט קומען דא מיין ברודער - דער רבי רבי זושא, ביידע צוזאמען האפט מען אז מוועט שוין קענען עפעס מאכן' (באים לכאן הרבה פעמים חוטאים, ואף חוטאים גדולים בחטאים חמורים, ואני יודע מה לעשות עם כל אחד מהם, ואני נותן להם תשובה. אבל עם בריה כזה כמו שאתה.. איני יכול להסתדר עמך בעצמי. נוכרח להמתין עד שאחי הרר"ז יבא לכאן, ושנינו ביחד נוכל לקוות שנצליח לעשות איזה דבר). המתין הלה עד שבא הרר"ז, ואכן כאשר הגיע לקחו אותו האחים הק' לידיהם ועבדו עמו, עד שנהיה צדיק באמת. אחר תקופה שהיה שם, חזר אותו איש לביתו, ואמר: 'איך ווייס אז איך בין נישט גוט'! (אני יודע כי אינני טוב!).

• הרה"ק מראפשיץ זי"ע היה מכנה את בנו הרה"ק רבי אליעזר'ל מדזיקוב זי"ע בשם 'מיין בעל החלומות' (בעל החלומות שלי), כי היתה לו מדרגה מיוחדת בענין החלומות, ויש כמה סיפורים על עניינים נעלים שנתגלו לו בחלומותיו.

פעם אחת היה מעשה, ובאו לפני הרבי אליעזר'ל שני אברכים מנכדי הרבי ר' אלימלך, שהיו הולכים בין ערי ישראל לקבץ מעות צדקה. וראה הרר"א כי הם הולכים לבושים בבלויי סחבות והקור גדול, מיד הביא להם את ה'פעלץ' שלו, והוסיף להשתדל עבורם הרבה ולסייע בידם. באותו לילה חלם הרבי אליעזר'ל איך הוא נמצא בבית מלא ספרים, וכולם הם ספרי 'נועם אלימלך', אבל כאשר הביט בתוך הספרים ראה איך בכל ספר וספר כתובים דברים שונים לגמרי. באמצע עיונו בתוך הספרים נכנס צדיק אחד אל הבית, וניגש אליו ואמר לו: 'אליעזר'ל, פארוואס קוקסטו אריין אין מיינע ספרים'? (אליעזר, למה אתה מסתכל בתוך הספרים שלי?), והבין שהוא הרבי ר' אלימלך בעצמו. ויהי בבוקר הלך הרר"א וסיפר את דבר החלום לאביו הק', ותיאר בפניו את צורת הצדיק שנכנס אל הבית, אמר לו הרה"ק מראפשיץ כי כך אכן היה תואר פני קדשו של הרבי ר' אלימלך. ושאל אותו מה עשה שזכה לראות את צורתו הק', ענה לו הרר"א כי סייע ביד שני נכדיו, הגיב הרה"ק מראפשיץ: 'אָה! דאס איז עס'! (אכן זה הוא זה!).

• כ"ק מרן רבינו היה מזהיר תמיד את האברכים והבחורים ללמוד בספה"ק נועם אלימלך מידי שבת בשבת. פעם אחת הלך כ"ק רבינו להשתתף באיזה שמחה ביום שב"ק וליווינו אותו בדרכו, ובעת לכתו בדרך אמר איזה תורה המיוסדת אל מאמר הכתוב בנועם אלימלך שבאותה סדרה, ויהי באמרו את הדברים פנה ושאל אותנו האם ראינו את הדברים בתוך הספר, וראה כי לא כולם ענו לחיוב. אמר לנו כ"ק רבינו: 'עטס ווייסט נישט? ביי אונז איז לערנען נועם אלימלך געוועהן אזוי ווי מעביר סדרה זיין'! (האין אתם יודעים? אצלינו היה לימוד נועם אלימלך נחשב כמו העברת הסדרה!). והיה כ"ק רבינו רגיל לומר 'וואס איז נאר דא, שטייט אין נועם אלימלך' (כל מה שיש בנמצא, כתוב בנועם אלימלך) דהיינו הדרכות בדרכי עבודת ה'.

<<< המשך מעמ' הקודם

אפ. **ער ווערט געוואויר אז אלע זיינע יארן - ביז ער האט געלערנט חסיד'ישע ספרים - האט ער געלעבט אין א טעות, ער האט נישט געוואוסט פון זיין 'לעבן' צו זאגן...** יעצט זעט ער, אז עס איז דא עפעס אן אנדערע סארט 'חיים'. די גאנצע וועלט - סיי דברי מצוה און סיי דברי רשות - איז אלעס היכע ענינים, 'לחם' איז איז אן ענין און 'יין' איז אן ענין, א 'טיש' איז אן ענין - וואס הייסט 'שולחן', און א בענקל איז אן ענין וואס הייסט 'כסא', און אזוי איז אלעס וואס איז נאר פארהאן אויף דער וועלט, אלעס זענען 'משלים' צו העכערע זאכן פון די עולמות העליונים, וואס דער אויבערשטער האט אראפגעברענגט א 'מעין דמעין' דערפון אויף דער וועלט. און אונזער גאנצע לעבן דרייט זיך ארום די אלע אורות. אודאי, יעצט ווייסט מען נאך כמעט גארנישט וואס מיר טוען דא אויף, אבער לעתיד וועלן מיר געוואויר ווערן אין וועלכע וועלט מיר האבן געלעבט און וואס מיר האבן אלץ אויפגעטון מיט אונזער לעבן דא - וואס דאס גופא וועט זיין דער 'שכר' פון 'עין לא ראתה'.

### די אמונה אז אלעס איז העכערס - מאכט אים ווערן א העכערע מענטש

איינמאל א מענטש כאפט אויף ריכטיג דעם 'עולם הסוד', הייבט ער אָן צו גלייבן אין יעדע זאך וואס ער טוט - אז **ער דרייט יעצט מיט אלע עולמות העליונים! ער גלייבט אז זיין 'טבילה במקוה' - פועל'ט אויף זיין נפש א ריינקייט!** ער גלייבט אז ביים דאווענען גייט ער ארויף אין אלע פיר 'עולמות', און ער קומט צוריק אראפ! וכדומה מיט יעדע תנועה זיינע - גלייבט ער אז אלעס איז העכערע זאכן. און אט די אמונה וועט אים טאקע אויפהייבן און ארויפטראגן העכער און העכער, ביז ער וועט ווערן אן אמת'ער בן עליה און בעל מדרגה.

### נישט צוגיין עראי'דיג צו עבודת ה' - נאר האבן א 'כונה' אין יעדע זאך

מען וועט געבן א דוגמא: ווען מען וועט פרעגן סתם א בחור'ל: "וויפיל טבילות טובל'סטו זיך יעדן טאג אין מקוה? דו האסט עפעס א חשבון דערויף?", וועט א געוועגליכער בחור ענטפערן: "איך האב נישט קיין שום חשבון! איך טובל זיך יעדן טאג לויט מיין גיסטע פון יענעם טאג... איך האב נישט קיין מינימום און נישט קיין מאקסימום!". אבער דאס ווייזט אויף א שוואכע אמונה אין דער כח פון א 'טבילה', וואס דערפאר גייט ער צו מיט אזא עראי'דיגקייט דערצו, און ער האט נישט קיין שום חשבון און כונה דערין. ווייל אויב וואלט ער געהאט א שטארקע אמונה דערין, וואלט עס געווען ביי אים גענוג חשוב צו האבן א חשבון דערויף. פונקט ווי יעדער האט עפעס א חשבון וויפיל לעכט ער צינדט אָן פאר שבת, **קיינער צינדט נישט אָן איין וואך צען לעכט און איין וואך צוויי לעכט - געוואנדן לויט די גיסטע פון יענע וואך, נאר מען צינדט מיט א חשבון. ווייל די נרות שבת האבן גענוג חשיבות ביי דעם מענטש, אז ער זאל האבן א חשבון קעגן 'וועמען' און קעגן 'וואס' ער צינדט אָן** יעדע לעכט.

### אן עובד ה' האט א 'כונה' וויפיל מאל ער טובל'ט זיך אין מקוה

אן עובד ה' על פי חסידות גלייבט, אז יעדע טבילה טוט אויף א פעולה אויף אים, דעריבער האט ער א סכום טבילות וואס ער טובל'ט זיך, (עס מוז נישט זיין א מנין קבוע, אלעמאל די זעלבע סכום. ווייל עס איז דאך פארהאן גענוג ענינים וואס מען קען אינזין האבן, אמאל קען מען אינזין האבן דעם ענין און אמאל דעם ענין. אבער דער עיקר, עס זאל זיין מיט א חשבון און נישט 'מהיכי תיתי'). למשל, ער קען אינזין האבן **דריי טבילות פאר 'סור מרע' - איין טבילה צו ריינינגן זיין 'מחשבה' פון אלע מחשבות רעות, די צווייטע טבילה - צו ריינינגן זיין 'דיבור', און די דריטע טבילה - צו ריינינגן זיין 'מעשה'. און דערנאך קען ער זיך טובל'ען נאך דריי טבילות פאר 'עשה טוב'** - צו ממשיך זיין א קדושה אויף זיין 'מחשבה', 'דיבור' און 'מעשה'. און ער גלייבט באמת, אז מיט יעדע טבילה ווערט אויפגעטון די פעולה וואס ער האט אינזין געהאט.

### א באזונדערע טבילה 'לשם נאכמיטאג סדר'...

א חסיד'ישער איד האט אמאל געזאגט, אז ער טובל'ט זיך איין טבילה פאר יעדע עבודה וואס ער דארף היינט טון. דאס הייסט, איין טבילה - לשם 'קדושת שחרית', די צווייטע טבילה - לשם 'קדושת מנחה', די דריטע טבילה - לשם 'קדושת מעריב', די פערטע טבילה - לשם 'קדושת לימוד התורה', די פינפטע טבילה - לשם 'קדושת צדקה'. און אויב האט ער אין פלאן צו גיין יענעם טאג מקבל פנים זיין א צדיק, טובל'ט ער זיך א זעקסטע טבילה לשם 'קדושת הצדיק'. יענער איד האט אליינס מחדש געווען דעם מנהג, און ער האט געפילט א טעם דערין. דאס אלעס שטאמט פון דעם, וואס ער האט געלעבט אין א וועלט פון 'פנימיות', ער האט געגלייבט אז עפעס געשעט יעצט ווען ער טובל'ט זיך! למשל, **א בחור קען זיך טובל'ן א טבילה לשם יעדן 'סדר' אין ישיבה. און ווען עס וועט קומען 'נאכמיטאג סדר', וועט ער קענען טראכטן: "מיין טבילה פון אינדערפרי הייבט יעצט אָן צו ארבעטן פאר דעם נייעם סדר!"**. און אויב ער גלייבט דערין באמת - וועט עס אים טאקע געבן א פרישע הארה און קדושה. ווייל די גאנצע וועלט איז באמת א שטיק רוחניות.

ישר 718.484.2189



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 347.662.3229